

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# שאלות אויף פרשת וירא

| | |
|---|---|
| **א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** | וירא. |
| **ב. וואס איז טייטש וירא ?** | און ער האט זיך באוויזן. |
| **ג. ווער האט זיך באוויזן ?** | דער אייבישטער. |
| **ד. צו וועמען ?** | צו אברהם אבינו. |
| **ה. פארוואס ?** | ווייל ער איז געווען קראנק. |
| **ו. וואס טוט מען ווען מען הערט אז איינער איז קראנק ?** | מען גייט איהם באזוכן. |
| **ז. און וואס וואונטשט מען איהם אן ?** | אַ רפואה שלימה. |
| **ח. און וואס האט מען ?** | אַ גרויסע מצוה. |
| **ט. ווי אזוי הייסט די מצוה ?** | ביקור חולים. |
| **י. אברהם אבינו איז געלעגן אין בעט ?** | ניין. |
| **יא. נאר וואס האט ער געטוהן ?** | ער איז געזעצן ביי די טיהר. |
| **יב. פארוואס איז ער געזעצן ביי די טיהר ?** | ווייל ער האט געוואלט מאכן די מצוה פון הכנסת אורחים. |
| **יג. וואס לערנט אויס אברהם אבינו פאר די אלע מענטשן ?** | צו מאכן א ברכה פאר דער אייבישטער פאר'ן עסן און טרינקען. |
| **יד. וויפיל טיהרן זענען געווען ביי אברהם אבינו'ס שטוב ?** | פיהר. |
| **טו. פארוואס איז יענע טאג נישט אריבער קיין מענטשן ?** | ווייל ס'איז געווען אַ הייסע טאג. |




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

**מכינה ב׳**

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# המשך שאלות איף פרשת וירא

**טז. ווער האט די אייבישטער געשיקט צו אברהם אבינו ?**

דריי מלאכים פארשטעלט ווי מענטשן.

**יז. אויף וואס האבן זיי זיך פארשטעלט ?**

איינער אויף א שיף קאפיטאן און איינער אויף א אראבער, און איינער אויף א פאליציי.

**יח. וואס זאגט דער מלאך פאר אברהם אבינו ?**

אז די אנדערע יאר וועט ער האבן א באבעלע אינגעלע.

**יט. פארוואס דרייט איבער דער מלאך די שטאט סדום ?**

ווייל זיי זענען געווען שלעכטע מענטשן.

**כ. וואס האבן זיי געמאכט פאר די מיידעלע וואס האט געגעבן צדקה ?** מ׳האט איהר באשמירט מיט האניג אז די בינען זאלן איהר ציפן.

**כא. וואס האט די מאמע שרה געבוירן ?**

א באבעלע אינגעלע.

**כב. וואס וואונטשט מען אן ?**

מזל טוב און אסאך נחת.

**ניגון אויף די פרשה:**

*קול רינה וישועה באהלי צדיקים*
*אברהם אבינו א מזל טוב*
*די מאמע שרה א מזל טוב*
*יצחק די באבעלע א מזל טוב*
*און א מזל טוב*



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

# די וואך האבן מיר פארציילט:

## וירא אליו...

אברהם אבינו איז קראנק, ער פילט זיך נישט גוט - ווען א מענטש איז קראנק ער פילט זיך נישט גוט גייט ער צו א דאקטער און ער ליגט אין בעט, אבער אברהם אבינו איז נישט געגאנגען צו קיין דאקטער, און נישט געליגן אין בעט, נאר ער האט גענומען א בענקל און געזיצן נעבן די טיהרן פון זיין שטוב - אברהם אבינו האט געהאט ביי זיין געצעלט פיר טיהרן, פארוואס דארף אברהם אבינו פיר טיהרן, ער זאל קענען זעהן ביי יעדע טיהר אויב ס'קומען געסט און ער וועט זיי אריין רופן צו זיין שטוב און ער וועט זיי געבן צו עסן און טרינקען, ער לערנט אויס צו מאכן ברכות פאר דער אייבישטער, און יעצט אפילו אברהם איז געווען קראנק האט ער אויך ליב געהאט צו מאכן די מצוה, די מצוה הייסט "הכנסת אורחים" - דער אייבישטער וויל נישט אז אברהם אבינו זאל זיך מטריח זיין ווייל ער פילט זיך נישט גוט, האט דער אייבישטער געמאכט אז ס'זאל זיין זייער שטארק הייס, דער אייבישטער נעמט ארויס די זון און ס'ווערט זייער שטארק הייס און ס'איז טאקע נישט געקומען מענטשן נעבן אברהם אבינו'ס געצעלט - דער איבישטער אליינס איז געקומען מבקר חולים זיין אברהם אבינו ווען ער איז געזיצן ביי די טיהר.

## וירא והנה שלשה אנשים

דער אייבישטער זעהט אז אברהם אבינו וויל זייער שטארק מאכן די מצוה פון הכנסת אורחים, האט דער אייבישטער אראפ געשיקט פון הימל דריי מלאכים וואס זענען געווען פארשטעלט אזוי ווי מענטשן, איינער איז געווען פארשטעלט פאר א שיף קאפיטאן (איינער וואס פירט א שיף) און איין מלאך איז געווען פארשטעלט אויף א אראבער, און דער אנדערער מלאך אויף א פאליציי, אברהם אבינו האט זיי געזעהן האט ער זיך געביקט פאר זיי און ער האט זיי געהייסן קומען צו איהם, און אברהם אבינו ברענגט זיי וואסער אפצוואשן זייערע פיס.

אברהם אבינו האט געהייסן פאר זיין ווייב שרה זאל שנעל באקן פאר זיי מזונות זיי זאלן האבן וואס צו עסן, און אברהם אבינו האט אויך געברענגט פלייש פאר די מלאכים צו עסן, אברהם האט געהאט א גרויסע בוים ביי זיין חצר און דארט האט ער זיי געגעבן צו עסן - מלאכים קענען נישט עסן, א מלאך איז נישט קיין מענטש, נאר זיי האבן זיך געמאכט ווי אזוי זיי עסן, און זיי האבן אריין געלייגט די עסן אין טאש.

איין מלאך איז געווען דער דאקטער פון אברהם אבינו, דער מלאך האט אויסגעהיילט אברהם אבינו און ער איז געווארן געזונט.

איין מלאך פרעגט פאר אברהם אבינו, אוואו איז דיין ווייב שרה, האט אברהם אבינו געענטפערט אז זי איז אין געצעלט, זאגט דער מלאך פאר אברהם אבינו אז די אנדערע יאר וועסטו האבן א באבעלע אינגעלע.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

## וישקיפו על פני סדום

נאכדעם זענען די מלאכים געגאנגען צו די שטאט סדום, דארט האבן געוואוינט שלעכטע מענטשן, די מענטשן פון סדום האבן נישט געלאזט געבן צדקה פאר ארימע מענטשן וואס האבן נישט צו עסן, איינמאל איז געווען א וואוילע מיידעלע וואס זי האט יעדן טאג געגעבן פאר א ארימער מענטש א שטיקעלע ברויט ער זאל האבן וואס צו עסן, און די שלעכטע מענטשן פון סדום האבן איינמאל געזעהן אז די מיידל געבט צו עסן פאר די ארימע מענטש, האבן די שלעכטע מענטשן איהר געכאפט מ'האט איהר אנגעשמירט מיט האניג די גאנצע גוף די הענט די פוס און די פנים, און מ'האט איהר געלייגט אויף א דאך פון א בנין און ס'איז געקומען דארט בינען און די בינען האבן איהר געציפט און געשטאכן ביז ווען זי איז געשטארבן, און נאך אסאך שלעכטע זאכן האבן די שלעכטע מענטשן געמאכט.

יעצט שיקט דער אייבישטער די מלאכים צו געבן א שטראף פאר די שטאט סדום, קודם האבן די מלאכים ארויס גערופן לוט פון דארט, ווייל לוט האט געוואוינט ביי די שטאט סדום, די מלאכים קומען צו די שטוב פון לוט איהם רופן, די שלעכטע מענטשן האבן געמיינט אז לוט גייט זיי געבן צדקה, האבן זיי געוואלט צוברעכן די שטוב פון לוט, אבער די מלאכים האבן געשלאגן פאר אלע שלעכטע מענטשן און די אלע שלעכטע מענטשן האבן נישט געקענט זעהן זיי זענען געווארן בלינד, נאכדעם איז לוט מיט זיין משפחה ארויס פון די שטאט סדום און די מלאכים האבן איבער געדרייט די גאנצע שטאט סדום, דער אייבישטער האט געמאכט אז ס'האט גערעגנט הייסע וואסער מיט פייער און די אלע שטובער האבן זיך איבער געדרייט אלע ביימער זענען אראפ געפאלן און אזוי זענען אלע שלעכטע מענטשן געשטארבן, די מלאכים האבן געזאגט פאר לוט מיט זיין משפחה זיי זאלן נישט קוקן ווי אזוי די שטאט דרייט זיך איבער, אבער די ווייב פון לוט האט יא געקוקט און זי איז געווארן א שטיק זאלץ.

## וה' פקד את שרה - מזל טוב

מזל טוב, אברהם אבינו מיט די מאמע שרה האבן געבוירן א באבעלע אינגעלע, די באבעלע הייסט "יצחק", און אברהם האט געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד די נייע באבעלע.

## ביקור חולים

מיר האבן גערעדט וועגן די מצוה פון "ביקור חולים", אז ווען א אינגל איז קראנק, ער פילט זיך נישט גוט, ער קומט נישט אין חדר, דארף מען גיין צו זיין שטוב (מיט רשות פון די מאמע) איהם באזוכן, און מ'וואונטשט איהם א רפואה שלימה - אדער קלינגט מען צו זיין שטוב און מ'פרעגט איהם פארוואס קומט ער נישט אין חדר - ווען א טאטע פילט זיך נישט גוט גייען אונזער טאטעס אויך באזוכן איינער דעם אנדערן.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

### מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

### יארצייט רחל אמינו

די וואך דינסטיג איז געווען די יארצייט פון מאמע רחל, מ'פארט נישט צו איהר קבר ווייל די ציונים האבן צוגענומען איהר קבר פון די אראבערס, אבער מ'בעט אז די מאמע רחל וואס זי איז די מאמע פון אלע אידישע קינדער זאל דאווענען אז משיח זאל שוין קומען און אויפבויען די הייליגע בית המקדש.

### שאילת גשמים

פאריגע וואך פרייטיג האמיר אנגעפאנגען צו זאגן אין חדר מיט די קינדערביים דאוונען ותן טל ומטר לברכה, מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז מ'בעט יעדן טאג פון דער אייבישטער אז ער זאל אונז שיקן רעגן פון הימל, די רעגן דארפן מיר האבן אז מ'זאל האבן וואס צו טרינקען, די אלע רעגן וואסער גייט אריין אין א טייך און ביי די טייך איז דא אסאך גרובער און די וואסער פארט אריין ביי די אלע גרובער און פון די גרובער קומט עס ביז אונזערע שטובער אין חדר און אין שוהל אז מ'זאל קענען טרינקען און זיך אפוואשן, אויך פארט עס צו אלע פעלדער ווי ס'וואקסט פיינע פירות עפלעך... מארנצען .. אדער ירקות טאמטעס .. תירס.. א.א.וו. און אויב ס'וועט נישט רעגענען חלילה וועט נישט זיין וואס צו טרינקען מ'וועט זיין דארשטעריג ס'וועט נישט קענען וואקסען פיינע פירות וועגן דעם זאגט מען יעדן טאג משיב הרוח ומוריד הגשם = ותן טל ומטר לברכה (געזינגען א ניגון)

### ניגון אויף רעגן

*משיב הרוח ומוריד הגשם – ותן טל ומטר לברכה X 2*

*רעגן רעגן רעגן מ'יר ווארטן שוין אויף דיר X 2*

*אייבישטער שיק אונז רעגן אונז זאלן האבן וואס צו טרינקען X 2*

*משיב הרוח ומוריד הגשם ותן טל ומטר לברכה X 2*

*(בניגון ושמחת בחגך)*

בברכת א גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער

**המלמדים**